בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



פרשת תזריע
א ניסן
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 24
(76)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט הָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. פוּן אֵיין זַאךְ וֶועגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִיט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר וֶועלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִט אֵיין זַאךְ. בַּאֲשֶׁר דָא אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁטוּל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶועזְן. אוּן דִי שְׁטוּל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן אַלִירְלֵיי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן הָאלְץ אוֹיס גִישְׁנִיצְט. אוּן פַאר דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייט אַ בֶּעטִיל אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער. אוּן פוּן דֶער שְׁטוּל גֵייעֶן אַרוֹיס גִישְׁלָאגִינֶע וֶועגִין. אוּן דִי וֶועגִין זֶענֶען גִימוֹיעֶרְט. אוּן דִי וֶועגִין גֵיעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל אִין אַלֶע זַייטִין. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס סֶע אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי וֶועגִין אוּן דִי וֶועגִין אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיהֶען זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק. שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדִינֶער לֵייבּ. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּ אִים צוּ גֵיין. וֶועט עֶר עֶפִינֶען דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל. דְהַיְינוּ בַּיי דֶעם אַנֶדֶערִין וֶועג וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל צוּ אֵיין אַנֶדֶערֶע זַייט. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אַז דֶער וֶועג צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק. שְׁטֵייט דָארְט אֵיין אַנֶדֶערֶע חַיָּה. דְהַיְינוּ אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַיְיזְן וַוארְק. אוּן דָארְט קָאן מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִיט צוּ גֵיין (כַּנַּ"ל וָוארִין עֶר וֶועט אֵיין שְׁלִינְגֶען) אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין. אוּן דִי דָאזִיגֶע וֶועגִין. צִיהֶען זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִיט וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי אַלֶע זַאכִין מִיט דִי וֶועגִין. בְּכֵן וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גִיפְּרוּבְט וֶוערִין. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קָאנֶען ווִיסִין דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דֶעם אַלִימֶען.

הָאט מֶען אִים גְוִויזִין דִי שְׁטוּל. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ'. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּל. הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁטוּל אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין פוּן דֶעם הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִישֶׁענְקְט כַּנַּ"ל).

## דֶער ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער כְּלִי

אִיבֶּער דֶעם כְּלִי הָאט דֶער רֶבִּי פְרִיעֶר דֶערְצֵיילְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד הָאט גֶעגֶעבְן פַארְ'ן אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אַ כְּלִי וָואס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן גֶעוִויסֶע בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן פַארְבְן וָואס אוֹיבּ לֵייגְט מֶען אִיר אַרוֹיף אוֹיף סֵיי וָואס פַאר אַ בְּהֵמָה הֵייבְּט זִי אָן שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן, דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶען וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִיר אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף אַ פֶערְד, אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען דֶעם שֵׁיינֶעם נִיגוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר וָואס דֶער כְּלִי אִיז, דֶער ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער כְּלִי דָאס אִיז דֶער רֶבִּי; אוֹיבּ נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם רֶבִּי'נְס שֵׂכֶל, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ מֶען זָאל זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, בִּבְחִינַת 'בְּהֵמָה', וֶועט מֶען אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גוֹרֵם זַיין מוֹרָא'דִיגֶע שַׁעֲשׁוּעִים אוֹיבְן אִין הִימְל, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט מִימוֹת עוֹלָם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמה).

## בַּעֲלֵי גַאֲוָה רוּפְן זֵיי אָן "בְּהֵמָה..."

דָאס הָאט מֶען גֶעזֶען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אוֹיךְ פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן וָואס דִי לוֹמְדִים אוּן בַּעֲלֵי גַאֲוָה רוּפְן זֵיי אָן "בְּהֵמָה...", אָבֶער וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי דֶערְהוֹיבְּן גֶעוָוארְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פְּלוּצְלִינְג אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער כְּלִי אוֹיף אִים

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אָבֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער כְּלִי

אַרבֶּעט אויב מֶען לֵייגט איר אַרויף אויף אַ בְּהֵמָה, זֶעט אויס אַז אויף אַ מֶענְטְש וֶועט דאס נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, ווייל נָאר אויף אַ בְּהֵמָה וואס גייט גְרַאד, זי גייט אויף אַלֶע פִיר פִּיס, קֶען זִיךְ דֶער כְּלִי הַאלְטְן אויף אִיר, אָבֶער אויף אַ מֶענְטְש קֶען עֶס אַרָאפּ פַאלְן, אַזוי ווי מֶען זֶעט בַּיי חֲתוּנוֹת ווי מֶענְטְשְׁן טַאנְצְן מִיט אַ בָּאטְל אויפ'ן קָאפּ, און עֶס פַאלְט אַרָאפּ... דאס מֵיינְט צו זָאגְן, אויב אַ מֶענְטְש לֶעבְּט ווי אַ בְּהֵמָה, אָן קַיין חָכְמוֹת, עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט זִיךְ דֶער כְּלִי הַאלְטְן אויף אִים, אָבֶער אויב דֶער מֶענְטְש הַאלְט זִיךְ קְלוּג, קֶען דֶער כְּלִי אַרָאפּ פַאלְן פון אִים, ווייל הַיינְט הֶערְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן, און פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶער מָארְגְן זָאגְט אִים אַ חָבֵר **'עֶס אִיז נִישְׁט אַהֶער', 'עֶס אִיז נִישְׁט אַהִין', 'מֶען דַארְף וויסְן'...** פְּלוּצְלִינְג אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער כְּלִי אויף אִים.

## דֶער רֶבִּי הָאט פַּאר מִיר אַ וֶועג

אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען מַאכְט אָפּ: **'אִיךְ ווייס גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וואס דֶער רֶבִּי הָאט פַּאר מִיר אַ וֶועג, וֶועל אִיךְ אִים פָאלְגְן און קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן'** - הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, נִישְׁט נָאר אויף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אויךְ אויף דִי וֶועלְט.

## מֶען הָאט אויךְ נִישְׁט דִי וֶועלְט

אִין אַלֶע שׁוּלְן און יְשִׁיבוֹת לֶערְנְט מֶען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז דָא אַוֶועק צו נֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְש זַיין רוּחָנִיּוֹת, זַיין נְשָׁמָה, אָבֶער דִי וֶועלְט פַּארְגִינְט עֶר יָא, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** זָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוי, דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְש אֲפִילוּ דִי וֶועלְט, זַיין גַשְׁמִיּוּת, אויב גייט מֶען נָאךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז נִישְׁט נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען הָאט אויךְ נִישְׁט דִי וֶועלְט, מֶען בְּלַייבְּט אָן גָארְנִישְׁט. דֶערְפַאר זוּכְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַוֶועק צו נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְש פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְש פון בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש שְׁטַארְקְט זִיךְ און בְּלַייבְּט בַּיים רֶבִּי'ן, אִיז עֶר זוֹכֶה נִישְׁט נָאר צו אַ גוּטֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן נָאר אויךְ צו אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן אויף דֶער וֶועלְט.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דַארְפְן מִיר נָאר וויסְן וואס זֶענֶען דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת; דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דו בִּיסְט, צִי דו בִּיסְט אַן אויסְגֶעשְׁלָאגֶענֶער און אויסְגֶעשְׁפִּיגֶענֶער מֶענְטְש, און קֵיינֶער ווִיל דִיר נִישְׁט, דָאךְ קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וואס גייט אויף דִיר אַרִיבֶּער.

## עֶר הֵייבְּט גְלַייךְ אָן גֶענִיצְן

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְש הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דאס אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, ווייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן פַּארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווי מֶען רֶעדְט צו אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אויס וואס מֶען בֶּעט אִים, דֶער מֶענְטְש פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אִין קַאר, אִין אָפִּיס, צו רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער עֶר הֵייבְּט גְלַייךְ אָן גֶענִיצְן און וֶוערְט נֶערְוֶועז, עֶר מַאכְט אָפּ 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין מָארְגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'...

## זִיךְ אויסְצוּרֶעדְן צו אַ מֶענְטְש

עֶס גְרִינְגֶער צו גֵיין צו אַ מֶענְטְש זִיךְ אויסְצוּרֶעדְן, ווייל דֶעם מֶענְטְש קֶען מֶען זֶען, און אויף צו רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש אִיז שְׁטַארְק, עֶר גייט יֶעדְן טָאג אִין אַ זַייט און רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וואס עֶס גייט אויף אִים אַרִיבֶּער, און בֶּעט דֶערוֹיף: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן"**, - וֶוערְט דאס אַן אַיינְגֶענֶעמֶע זַאךְ, וואס אִיז גָארְנִישְׁט דָא זַיינְס גְלַייכְן.

הָאט עֶר ווַייטֶער גֶיקוּקְט. הָאט עֶר גֶיזֶעהְן. אַז סֶע גייט אָפּ פון דֶער שְׁטוּל פון אוֹיבְּן עֶפֶּעס אַ רֵייזִילֶע. און אַז דִי שְׁטוּל זָאל הָאבְּן דאס רֵייזִילֶע. וָואלְט דִי שְׁטוּל גִיהַאט דֶעם כֹּחַ פון דֶעם קֶעסְטִיל. (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי הַנַּ"ל וָואס זִי הָאט גִיהַאט דֶעם כֹּחַ. אַז מֶע פְלֶעגְט דִי כְּלִי צו לֵייגְן אויף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָּה וְכוּ' הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צו שְׁפִּילְן כַּנַּ"ל) הָאט עֶר ווַייטֶער גִיקוּקְט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דאס רֵייזִילֶע וָואס סֶע גייט אָפּ אוֹיבְּן פון דֶער שְׁטוּל. דאס רֵייזִילֶע לִיגְט אוּנְטְן אִין דֶער שְׁטוּל.

## דאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אויף דֶער עֶרְד

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם פוּנֶעם שְׁטוּל אִיז אַז דאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אויף דֶער עֶרְד. דאס גייט אַרויף אויפ'ן מֶענְטְש, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען וֶוען דֶער מֶענְטְש אִיז צֶעבְּרָאכְן, עֶר זָאגְט **'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ לִיג אויף דֶער עֶרְד'**, הֵייבּ זִיךְ אויף, וֶועסְטוּ זֶען אַז דו קֶענְסְט יָא, דו הָאסְט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת.

## עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן, דֶער מַאן קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אויס מִיט דִי ווַייבּ, און דִי ווַייבּ קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אויס מִיט דִי מַאן, אָדֶער קוּמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אויס מִיט מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה, אַלֶעס קוּמְט פון דֶעם וואס דֶער מֶענְטְש קֶען זִיךְ נִישְׁט אויסְקוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם, עֶס הָאט צוּטוּן מִיט'ן

מֶענְטְשׁ אַלֵיינס.

## אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן...

אַ בָּחוּר זָאגְט מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, **אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אֲזוֹיפִיל פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה...**" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס לַיידְט פוּן זַיין וַוייבּ, זַיין פְּרָאבְּלֶעם הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין וַוייבּ, **זַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פָארְדֶעם**, עֶר הָאט קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, דֶערְפַאר קְלַאפְּט עֶס אוֹיס נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְט גֶעפֶערְלִיךְ.

## אַיינְנֶעמֶען אַ בָּאטְל מֶעדְעצִין

פַארְוָואס הֶענְגְסְטוּ אָן דַיין צָרָה אִין דַיין וַוייבּ? פַארְוָואס הֶענְגְסְטוּ אָן דַיין צָרָה אִין דַיין מַאן?! דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ קֶענְסְט אַלֵיינְס זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם צְוֵוייטְן פוּן דִיר - וֶועסְטוּ וַוייטֶער לַיידְן, אֵיין טָאג וֶועסְטוּ סַיי וִוי אַיינְנֶעמֶען אַ בָּאטְל מֶעדְעצִין (overdose)... דָאס לֶעבְּן זֶעלְבְּסְט אִיז דִיר שְׁוֶוער, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי חֲתוּנָה.

## אַ וַוייבּ אוּן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּם לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶר גֵייט שְׁלָאפְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אַז מֶען לֵייגְט אִים צוּ אַ וַוייבּ אוּן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בְּרֶעכְט עֶר אוּנְטֶער, עֶס אִיז אִים גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶּער נִישְׁט דָאס חֲתוּנָה הָאבְּן הָאט אִים שְׁוֶוער גֶעמַאכְט דָאס לֶעבְּן, נִישְׁט זַיין קְלֵיין קִינְד הָאט אִים שְׁוֶוער גֶעמַאכְט דָאס לֶעבְּן, נָאר עֶר זֶעלְבְּסְט אָן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער קֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן, עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן, **הֵייבּ אָן לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גוּט אוּן גְרִינְג.**

## וואו לוֹיפְסְטוּ?!

אַ פְרוֹי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז אִיר לֶעבְּן אִיז אִיר גֶעוָוארְן נִמְאָס, זִי הָאט מִיר פְּרוּבִּירְט צוּ רוּפְן אוּן אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, שְׁרַייבְּט זִי: "**אִיךְ לוֹיף אַוֶועק אוּן אִיךְ גֵיי אֶפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט**", אִיךְ הָאלְט אִיר אִינְמִיטְן צוּרִיק שְׁרַייבְּן, דֶער בְּרִיוו נֶעמְט מִיר אַפָּאר טֶעג, וַוייל וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ צוּרִיק אַ בְּרִיוו אִיז דָאס נִישְׁט סְתָם יֶענֶעם צוּרִיק פְּלִיקְן חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ וִויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער בְּרִיוו זָאל פוֹעֵל'ן בַּיים יֶענֶעם, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

## זִי קוּמְט דָאךְ שׁוֹין פוּן מָאנְהֶעטְן...

אָבֶּער וָואס אִיז דָאס סְטְרַאשֶׁע: "אִיךְ לוֹיף אַוֶועק!" - וואו לוֹיפְסְטוּ?! בַּיי אוּנְז אִיז דָא דְזְשׁאוּק, אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט "**אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אוּן צוּ מַיין לֶעבְּן, אִיךְ לוֹיף אַוֶועק קֵיין מָאנְהֶעטְן**"... אָבֶּער פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ בַּיים שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ מֵיידְל פוּן מָאנְהֶעטְן, זִי אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, **זִי קוּמְט דָאךְ שׁוֹין פוּן מָאנְהֶעטְן, וואו וויל זִי אַנְטְלוֹיפְן, צוּם שְׁטֶעטְל...?!** זִי וואוֹינְט שׁוֹין אִין מָאנְהֶעטְן אוּן זִי קֶען מֶער נִישְׁט נֶעמֶען אִיר לֶעבְּן, זִי מוּז אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט וואוּ צוּ לוֹיפְן, לוֹיפְן קֶען מֶען נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶס אִיז גוּט וואוּ אִימֶער מֶען אִיז

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וואוּ מֶען וואוֹינְט, אוּן מִיט וֶועם מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַלֶעס הָאט צוּטוּן מִיט'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַז דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ דַארְף אוֹיפְזוּכְן אִין מַיין לֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גוּט וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים גוּט וואוּ אִימֶער עֶר אִיז. נִישְׁט מַיין וַוייבּ אִיז דֶער וָואס מַאכְט מִיר בִּיטֶער מַיין לֶעבְּן, נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער, נִישְׁט מַיין בַּעַל הַבַּיִת, נִישְׁט מַיין אַרְבֶּעטֶער, נִישְׁט מַיין שָׁכֵן, מַאכְן מִיר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דָאס לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן לֶעבְּן**", וֶועט אַלֶעס וֶוערְן פֵיין.

## אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן צֶען יָאר צוּרִיק

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז דָא אַרוֹיף גֶעקוּמֶען פּוּרִים, עֶר כַאפְּט מִיר אָן אוּן טְשָׁאוּקְט מִיר, עֶר הָאט מִיר שִׁיעוּר דֶער'הַרְגְ'עֶט, עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אִים צוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ, פְרֶעג אִיךְ אִים: **פַארְוָואס זָאל אִיךְ דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ שִׁידוּךְ**, וֶוען פַאר צֶען יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ דִיר שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ, הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ אִיר אִיבֶּער גֶעלָאזְט?!

## לַיידְן לַיידְט מֶען סַיי וִוי

פַאר עֶר הָאט אִיר אִיבֶּער גֶעלָאזְט אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי מִיר, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: אִיךְ לוֹיף אַוֶועק, מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶט'ן וַוייל דֶעמָאלְט לַיידְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב זִיךְ אָפְּצוּלַיידְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ טַאטֶע מַאמֶע... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "**לַיידְן לַיידְט מֶען סַיי וִוי אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן גֶעהַאט קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ עֶנְדִיגְן גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע!**" עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶט'ן אוּן אִיךְ וֶועל

גְלַייךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שׁוּרָה מֶענְטְשׁ וָואס וֶועלְן מִיר ווילְן נֶעמֶען, יֶעצְט קוּמְט עֶר צוּ מִיר וויינֶען אִיךְ זָאל אִים גֶעבְּן אַ אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ, וָואס זָאל אִיךְ גֶעבְּן? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ טָעוּת מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר זַיין אַ שִׁידוּךְ אוּן עֶר הָאט עֶס אָפְּגֶעלָאזְט.

## דוּ לַיידְסְט מֶער נִישְׁט?!

לַיידְן הָאט נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי מַאן, מִיט דִי שָׁכֵן, מִיט דִי לֶענְדְלָארְד, מִיט דִי טֶענֶענְט, אַז מֶען לַייד פוּן סַיי וֶועמֶען אִיז דִי עֵצָה 'תְּשׁוּבָה טוּן', קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע'גֶט לַיידְסְטוּ מֶער נִישְׁט?!** דוּ לַיידְסְט נָאךְ מֶער פוּן פְרִיעֶר! אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט לַיידְן, זָאג דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ אוֹיפְהֶערְן לַיידְן.

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר

עֶס רֵייסְט בַּיים הָארְץ, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אִיךְ וֶועל צֶעבְּרֶעכְן מַיין שְׁטוּב אוּן אַוֶועק לוֹיפְן, וואוּ גֵייסְט אַוֶועק לוֹיפְן?! **דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט** (תְּהִלִּים קלט, י): **"גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט קוּמְט אָן אִיבֶּעראַל, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן**, פַארְוָואס הָאסְטוּ אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן דֶעם כְּלִי פוּן דִיר?! אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער, דוּ פִילְסְט אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט, גֵיי אִין אַ זַייט אוּן וויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר**"; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר**".

## דִי כְּלִי אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן

דָאס זֶעט מֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער כְּלִי דַארְף לִיגְן אוֹיף אַ בְּהֵמָה, ווייל פוּן אַ בְּהֵמָה וֶועט עֶס נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן, **ווידֶער אַז עֶס לִיגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ מִיט חָכְמוֹת, גֶעבְּט עֶר זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי כְּלִי אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן**; אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זֶען נִישְׁט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דִי כְּלִי פוּן זִיךְ, נָאר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

## אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ קֶען הֲנָאָה הָאבְּן

אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אַ זִיסֶע לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן זֶעלְבְּסְט וֶוערְט זִיס, יֶעצְט קֶען מֶען שׁוֹין צוּלַייגְן אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיס קוּמֶען מִיט אַלֶעס. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין צוּלַייגְן גֶעלְט, אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוּן אַ בַּאקְוֶועמֶע קַאר, ווייל **נָאר אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ קֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן**. אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַז עֶר אִיז צוּפְרִידְן; אוּן צוּפְרִידְנְקֵייט קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס אוּן עֶר פִירְט אַלֶעס.

## אִיךְ וויל רֶעדְן צוּ דִיר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיז עֶס אִין אָנְהֵייבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַארְף מֶען דוּרְךְ בְּרֶעכְן בִּיז עֶס וֶועט גְרִינְגֶער. מֶען זֶעט אִין דִי מְגִילָה אַז דֶער קֶענִיג הָאט גֶעפְרֶעגְט (אֶסְתֵּר ה, ו): "**וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ וּמַה בַּקָּשָׁתֵךְ**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֶעגְט דִי אִידְן וָואס ווילְסְטוּ בֶּעטְן פוּן מִיר? עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם ז): "**שְׁאֵלָתִי**", **מַיין גֶעבֶּעט אִיז "וּבַקָּשָׁתִי" אַז אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר!**

## דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

ווייל אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס; מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס 'בְּרֶסְלֶב' אִיז, מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ '**וָואס אִיז דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד?**' אָבֶּער דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְזֶען, אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, וואוּ עֶר אִיז שָׁאקֶלְט עֶר מִיט דִי לִיפְּן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים - רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, דָאס טוּט עֶר וואוּ עֶר אִיז. אוּן אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין מִיט דִי לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז שׁוֹין דֶער קָאפּ אוֹיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע פּוּרִים אִין זִיךְ, אוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּנֶעם גָלוּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: "**שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי. תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח. וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ. וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ. אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי. אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי. אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים. בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים. וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב**".